# דער שנארער

איינע וואונדער שיינע געשיכטע וואס עס האט
זיך גיטראפען מיט אגעפאלענעם (נגיד) עס איז זיך פון
דיזער געשיכטע אראפ צו נעמין (אמוסר השכל) וויא דער
מענטש זאל זיך בעגיין אין אלע צייטען · הן בשעת מען
איז רייך · אונ הן בשעת מען איז ארעם · הן בשעת מען
איז זאט מיט ברויט · אונ הן מען איז אין דער גרעסטע
נויט · אונ דאס מען איז אויף אייביג פערפלוכט · ווען מען
נור איין מאל דאס בעטעל ברויט פערזוכט · אונ וויא וואול
עס איז דעם מאן דער וואס זיך ערליך טוט נערין · אונ
מיט שווערע פראצע זיין פערמעגין טוט פערמעהרען :

ווילנא

בשנת תרכז לפ״ק

ДЕРЪ ШНОРЕРЪ
т. е.
Ниществующій.
ВИЛЬНА
въ Типографіи А. Дворжеца 1866 г.

1/68284

# דער ר' צדוק פיקאנטע

בעיר) אין דער שטאט (ניקאלסבורג) האט געוואוינט אמאל
איין געוויסער סוחר וואס מען האט איהם גערופען ר' צדוק פיקאנטע
זיין געשעפט וואר איין געוואנט האנדעל · אין התחלת וואר ער אפילו
נור אקרעמער ביי איינעם אנדערען · אונ דער נאך איז ער געווארען
ביי יענעם אמשולח קיין לייפציג · אונ נאך יענעמס טויט איז ער
געווארען אליין אסוחר · אונ האט זיך אין קורצען אזוי געוויזען דאס
ער איז זייער רייך · דאך אבער ווי מען זאגט איז מיט איהם קיינע
נסים געשעהן · דען ער האט געמאכט אזוי אשטיקע דאס ער האט
בעקומען אגרויס פערמעגען דורך אגרויסען אונרעכט אויף אזויא
אקלוגען אופן דאס קיינער האט צו איהם גאר ניט געקענט האבען · אונ
וואס דיא שווינדלערהאפטע סוחרים רופען עס נאך (עד היום) פא
קיפעצעקע דאס הייסט זיא האלטען עס גאר פאר קיין עולה
ווייל עס איז דאך ניט געגנבעט · אונ דאס איז איין אנדערע אויף
דעם אנדערענס רעכענונג · אונ בפרט נאך אויף דעם רעכענונג פון
אטוימען · דען דיזער פיקאנטע וואס פלעגט צוא געמען סחורה
אין לייפציג (בהקפה) אויף דיא קאנטע פון זיין פרינצעפאל אויף
(כמה אלפים) דוקאטען · האט באלד ווייא ער האט נור דער הערט ·
דארט אין לייפציג דאס ער איז געשטארבען · האט ער געמאכט אין
דעם נאמען פון זיין סוחר אגרויסע הקפה · אונ האט עס אוועק
געשיקט צוא זיינער פרויא · אונ האט געלאזט זיינעם הערען נאך
זיין טויט באנקראטירען · אונ איז פון יענער צייט אן אפילו ברתן
געווארען מיט לייפציג · דאס ער האט אויף געהערט צוא פארען · אונ
דיא יורשים פון זיין פרינצעפאל וואס האבען דער נאך פון זייער פאטער

---

Дозволено цензурою 25 Января 1866 г. Вильна.

געשעפט אפ געשניטען · האבין פון דיזער שטוקע גאר ניט געוואוסט
אונ האבען זיך מיט דיא טייצען פראצעסירט אונ זייען מיט זייא
דורך געקומען פאר צוואנציג פראצענט · נור גענוג וואס מאכט
עס אויס פון וואס ער איז געווען רייך · צו פון ערליכקייט צוא פון
אונערליכקייט · אבי ער איז געווען רייך · אונ וויא מען ווערט נור
רייך אפילו פון אשצירע גנבה הייסט מען שוין איין בראווער מאן
איין לייט · איין ישרן · מען איז (משליש) בייא אים אלע געלטען
וואס דארפען ליגען ביז אליהו הנביא וועט קומען : נוא וויא איז
עס שוין שייך דאס אזעלכער האט אמאל וואס אנדערש געטאן ·
בפרט ווען ער ווערט נאך דער צו איין (מהדרן במצוות) פונקט וויא
אונזער פיקאנטע וואר · דען קיינר האט אים ניט גיקענט אויס שטייגן
בייא קיין עליה · אונ ווער רעט שוין פון (אתה הראת) · קיינעמס
אתרוג האט זיך געגליבען צוא זיינעם אונ קיין מלמד האט גיהאט אזו
אבייטעל וויא זיינער · זיינע שבתים אונ זיינע (ימים טובים) האבין
גיהאט אשם אין שטאט · זיינע בריתין האבין גידויערט לייננער אלס
אנדערע חתונות אונ זיינע חתונות וואס ער האט גימאכט זיינע קינדר
האבין זיך פערצויגען ביז דיא יונגע ווייבליך פלעגין זיך שוין אין
קינפעט לייגען · אונ עס האט זיך די גאנצע שטאט מיט אים גיפרייט
לבד (וויא דער סדר איז פון אויף געקומענע נגידים) אייגענע קרובים
נים · אויך מיט זיינע שידוכים האט ער זייער ווייט געבראכט · ער
האט דרייא זין אונ איינע איינציגע טאכטער · נון מיט דיא דרייא
זברים האט ער געטאן מיט גרויסע מיוחסים · אונ פאר דער טאכטער
האט ער בעקומען גאר איין (עילוי שבעילוים) · דער צו האט ער זיך
געשטעלט אין שטאט אויך זייער שיין · זיין נדבה וואר דיא ערשטע
צו אלע הצטרכות · די (כלי קודש) האבין געפילט אין אים מער טעם
אלס אין דיא אלטע נגידים · היינט איז ער זיך געווען גלאט אתקיף



אגרויסער , אין שטאט · אונ פלעגט אויס צו פירען וואס ער האט נור
געוואלט · אונ דאס איז נור וייל דיא רייכקייט אידעלט די גרעבסטע
זינדע · לבשל די מדה וואס מען רופט ביי איינעם ארעמען מענטשין
האזע · אדער עזות · רופט מען עס בייא איינעם רייכען מאן „מוטה"
אדער „הוואטסטווא" אונ וואס מען רופט בייא איין ארעם מאן
„בעריידעריי · רכילות" רופט מען עס בייא איין נגיד נור „קריטיק ·
בענטשין קענגעריינע" אונ אזו אויך וואס מען רופט ביי איינעם ארעמע
„פאלשע, דאנאכעריינע" רופט מען עס בייא אקצין נור „תקיפות"

ובמוהו) אונ אזו וויא ער וואר זיינע פרויא אויך זייער געאכט אונ
געשעצט אין שטאט דען ערסטענס וואר זיא אגרויסע געשעפטס מענין
אגרויסע בריאה · אתקיף בייא אלע ארומיקע פריצים · דען זיא וואר
אגרויסע ריידערקע · אונ דער צו אגרויסע שוינהייט · צווייטענס איז
זיא געווען אויך אגרויסע (בעלת צדקה) אונ האט געשפילט אראלע פון
אפרומע אידענע · בייא איר אין שטוב האט מען (ערב שבת) אן
געצונדען ליכט פריער ווי אום אונ אום · אונ שבת צו נאכט שפעטער
וויא אום אונ אום · פון קיין הויז האבין די (מורי הוראות) ניט גיהאט
אזו פיל שאלות אין אגאנץ יאר וויא פיל פון איר שטוב אין איין וואך ·
אונ האט געלעבט מיט איר מאן וויא אפאר טויבען : פרנסה איז גיווען
איבער דעם האלדז · דער קרידיט גרויס · אונ דער מזל הויך · דען
עס וואר איינע עהרע זעלבסט ביי די גרעסטע מאגנאטען צו טראגין
אמלבוש פון דיא געוואנט וואס עס איז געקויפט געווארין בייא דעם
פיקאנטע · אונ אזו האט זיך יעדר יונגער שעריל געפראלט (בעריכט)
דאס ער האט מיט דער שיינע רויזע לאה (דען אזו האט מען גערופען
דעם פיקאנטעם ווייב) צו געבראכט אשטונדע בייא איר אין שטוב ·
אונ האט בייא איר קאווע געטרונקען · דען זיא וואר וועלט בעריכט
הן אונטער אידען · אונ הן אונטער קריסטען · אזו צוא ליב אירע

שוינהייט אונ אזו צו ליב אירע גרויסע קלוגהייט . אונ גרויסע חריצות :
דאס קלוגע מענטשין האבין איר מאן פיל מער מקנא געווען ווָאס ער
האט איר פאר אווייב . אלס וואס ער האט אזו פיל עשירות :

(2)

## דיא רעדעלע האט זיך אהדריא געטאן

אך) דאך נים אימר איז דער הימעל לויטער . נאך דעם זומער
קומט דער הערבסט (אסיען) נאך דער יוגענד קומט דאס עלטער .
אונ נאך דיא גוטע געשעפטין קומען דיא פוילע . אונ בפרט נאך ביי
אונז אידען וואס אונזערע גרויסע פערמעגענס זיינען נור גרוים
בשעת מען איז נאך שטארק פער עסקט . דאן מור לייפט דאס געלט
איבער דיא שופלארען אריבער וויא א טעפעל מילך וואס שטייט ביי
דעם פייער . שטעלען זיך דיא געשעפטען אבער אויף אהויילע אפ
בלייבט דא קוים איינע טאלער אויף דעם רעק וויא דיא מילך דארט
אלס מען רוקט אפ דעם טעפיל פון פייער דאס עס בלייבט קוים דעם
טיל צו בענעצען . אונ דאס איז אלץ וויל מען האנדעלט אונ מען
לעבט נאר אן אבערעכענונג . אונ אן אסדר . על פי רוב איז ביי אונז
דיא הוצאה פיל גרעסער אלס דיא הכנסה . נון זעהעט עס אויס אין
דער ווירטשאפט ווי איינער גיסט אין אלייקע דורך דעם שמיץ (שמאלין
זייט) : וואס דאן איז דער ארט דורך וואגען דיא משקה גייט ארוים
הונדערט מאל ברייטער אלס דער ארט דורך וואנען זיא גייט אריין .
קורץ דער פון איך וויל דא נים פיל מאריך זיין . אונזער פיקאנטען איז
נים בעסער גינאנגען וויא אלען אנדערין זיינעם גלייכין . ביז זיין
פופציגסטין יאר האט ער דורך גימאכט די פיר גיוואינליכע אירעשע
פיר קלאסען . פריער איז ער געווארען איין יונגער באלעבאס . דער
נאך אקצין . דער נאך אגגיר . דער נאך אגביר . אונ דאן האט ער פון



דעם פאלשען פאר צבועטען גליק בעקומען איינע זייער פארלע
אטשאוקע ווי איין רעגאלעוועטער אפיצר וואס גייט ארוים פון שלוזבע
אן פאלעטען אונ אן זאלעוואנע . דאס הייסט ער איז געווארען
אשרעקליכער יורד . אונ דאס וואר אויך אן נסים געשעהען : דען
ערפטענס זיינען געווארען נאך עטליכע געוואקסט קרעמער אין שטאט
פון דער נייערע זועלט . יונגע לייט . געבילדעטע . שפראך קענער .
שרייבער אונ גוטע בוכפירער . וואס האבין נאך געמאכט אליין
פארין קיין לייפציג . אונ ווארין נאר קיינע בעלי הוצאות . צווייטענס
אין דיא חייב דוועלאה שוין אביסיל עלטער געווארען . אונ האט
שוין אויך געהערט צו ליב דעם שיין צו זיין . ערסטענס וויל אין דיא
עלטערע יארען ליגט עס שוין נים אזו אין קאפ צו וועלין שיין זיין .
אונ צווייטענס א אידענע אדער אזו גאר איינע חייביל אפילו ווי נאך
פערציג יאר זעהעט זיא שוין אזו אויס וויא אגאנז וואס האט געהערט
דיא מגלה . אונ ווי איין ענדיק וואס האט געהערט די (עשרה מכות) .
דאס הייסט וויא איינע זאך וואס איז שוין אריבער איר צייט . אדער
נאך בעסער געזאגט וויא איין אקטאר וואס בלייבט שטיין אויף דער
שצענע נאך דעם וויא ער האט זיין ראלע אויס געשפילט . אונ וויא
מיר וויסען פון פריער דאס איר שיינעם געזיכט . נאר איר קראם איינע
צו ציהענדעם געריכט . האט יעצט איר אפ בלאקירען זייער פיל
גישאדעט צום גישעפט . דאס מען האט שוין נים גילייזט די העלפט :
בעלי הוצאות דריטענס איז מען גיווארען גרעסערע
השלישית)
פון טאג צו טאג . דען אלע דרייא פאר פאלגען זיינען געווען אלץ ביי
זייא אויף קעכט . אונ האבין געקינדעלט אונ געקריינקט אויף זייערע
קאנטע . נון איז מען געווארין אגרויס געזינט פון פופצעהן פערזוין
וואס יעדערער בעזונדער האט זיך גערעכענט אין שטאט פאר אגביר
אדער פאר אבן גביר . נוא הייגט וועד פאר שטייט דאס גיט דאס פון

טאג צו טאג האבין זיך געפונגען גאנעל נייע ארעמע קרובים *) וואס לייפען אלע מאל דעם דלות פאראויס וויא גוטע קוואטער מייסטערס פאר דעם רעגעמענט (פולק) · אונ האבין זיך ביא אים אין שטוב אזו גוט איין געניסטעט (דאס הייסט איין געזעצט וויא אפייגעל אין איר נעסט) דאס ווען ער וואלט שוין געוואלט אפילו פון דיא לייט ווערען וואלט ער זייא מיט קיין פראסעק אין דער וועלט קענגען פערטרייבין חיבע נור וויא מיט דעם זעלביגען מיטעל וואס עס בענוצען דיא לאסטעוועקעס אנטקעגען דיא בארעביינציקעס וואס בעזעצען זיך אין זייערע נעסטען אין אסיען צייט (הערבסט) בשעת דיא שוואלבין פליהען שוין אפ אין דיא ווארעמע לענדער **) אונ דאס איז זיי פער־

*) קיין שטאט אין דער וועלט ווערט אזוי געפלאגט פון ארעמע קרובים וויא אונזער ארעמע שטאט אילן · דען וועלכער איד פון וועלכער שטעטיל האט נים אשטיקיל קרוב אין איר · אונ זוכט זיך שוין אוים איינע געלעגענהייט צו קומען · אונ קומט טאקע · אונ ווייל ער קומט על פי רוב גאר אן אשום עסק ווייס ער נים ווען אוועק צו פארען · אמאל איז געקומען צו מיינעם אבעקאנטען א אידענע אקרובה צו פארין מיט צוויי קינדער אונ מיט איין אכטיל געבלאך אונ מיט פיר טעפ שמאלץ · אום עס צו פערקויפען דא · אונ ווייל דער מקח וואר געפאלען איז זיא ביא אים אפ געזעסען ביא זיין טיש פיר וואכען אונ האט אלץ געוואַרט אויף איין בעסערין פרייז · דא האט זיך מיין בעקאנטער מישב געוועזען אונ האט עס זעלבסט ביא איר אפ געקויפט פאר איין גאנץ טייערין פרייז אום נור פטור צו ווערין פון איר :

**) אלס דיא שוואלבען קומען אום זומער צו ריק אין אונזערע לענדער אונ געפינען דאס דיא בארעבייציקעס האבין זיך בעזעצט



מיטערין דיא ארין גאנגם לעבער · דיא אונגעבעטענע געסט פלעגין צו פערנרעטערין מאנגע מאל דאס געזינט אים טאפעל · אונ פלעגען ארוים צוא בעקומען דעם מארך פון געשעפט · דאס הייסט דעם לעבעדיגען גראשען · דער פיקאנטע פלעגט צוא זעבען אפילו נים ווילענדיג · דאך אבער ער האט שוין דאס געטוט טאן דאמיט ער זאל נים שאהען זיין קרעדיט · זיין גבירישען נאמען · אונ בפרט נאך צו אשידוך · דען זיין טאכטער האט זיך שוין מיט דעם עילוי נאך דעם צעהן יאריגען קעסט אפ געבין גיגעט · נון האט ער איר גידארפט איבער נייגם צום מארק פירען · אונ אירע דריא קינדער זייא זיך האלטען · דען וואס טוען נים עלטערין פאר קינדער ,

ויהי בראותו) אונ עס וואר אלם דער פיקאנטע האט געזעהען דאס גוט האלט דייער שמאל · אונ הייגם מארגין וועלין אים בעלי חובות קיין גאס נים לאזען דורך גיין איז ער גאר אפ געפארען אויף אפאר וואכען צו זיינעם אשוואגער · אונ דער ווייליע איז אים אגם געשעהען · דען עס איז געווארען אשרפה ביא אים אין שטוב · אונ עס האט אפ געברענט זיין פוסטען מאגאזין אונ זיין ליידיגע קראם · אונ דאס האט פערשפאפט דיא מיילער פון זיינע נארעשע קרעדיטארען · דאס לבד זייא האבין שוין ביי אים אגראשען נים געקענט מאנען · האט מען נאך געהאט רחמנות אויף אים · דען מען האט געמיינט אדער ווייניגסטענס האט עס אזו געשיינט · דאס זיין גאנצער קאפיטאל איז פערברענט

אין זייערע פאריארינגע נעסטען · הייבין זייא זייא אן ארוים צו טרייבין פון דארט · אונ עס ווערט גרויסע געשלעג אונ געשרייען · אונ ווען דיא בארעבייציקעס ווילען פארט נים אפ טרעטין פאר מיערין די שוואלבען די ארין גאנגם לעבער אונ די בארעבייציקעס קומען דארט אום פאר הונגער · דען זיי קענען שוין נים ארוים ·

געווארען · נון לאזט זיך אום דער אלטער שפריך ווארום זוי געוואונען
אזו צו דונגען" מיט פאלשקייט איין קאפיטאל בעקומען · אונ דער נאך
מיט פאלשקייט קוים דעם ערליכען נאמען דער האלטען · דען וואס
טוט מען ניט אום נור ערליך אין דער וועלט צו שיינען · מען צינט
אמאל אן איין איינגענעם הויז צו ליב דעם וואס דורך דאס קען אמאל
די גאנצע שטאדט אוועק · דען עס הילט זיך ניט פערשעמט ווערדען,
(ולבן) דאהער ווען מיר האלטען שוין ביי דער חברה · קען שוין
גרייליך געמאלט זיין דאס די שרפה ביי דעם פיקאנטען איז אויך ניט
געוועזן בדרך נס · נור דאס ער אליין האט עס חלילה אן געצונדען · נור
זאל שוין זיין ווי עס איז · אונזער פיקאנטע איז באלד נאך דער שרפה
ארויס פון טראפ · דען דאן האט ער שוין גיהאט איינע גוטע גילעגענהייט
ארויס צו ווייזען ווי ווייט ער איז בדלות גיוואהרן אונ דאך בלייבען ביי דעם
ערליכען נאמען · אונ באמת וואר ער שוין אן איינעם פון עטליכע יאר
אונ האט נור געשווינדעלט · אונ האט זיך געפירט בגנבות נור בכוחי
כוחות ווייא איינער וואס שווימט אויף גאנץ נידעריגע וואסער · איצונד
אבער האט ער אן געהייבען פון טאג צו טאג יאראפ צו ווארפען פון זיך
דיזע שווערע לאסט · האט אן גיהייבען דאס געזינט צו פערקלענערן
צו וואוינען איינגער · צו עסן פראסטער · אונ אין איין ערך פון אפאר
יאר איז אים שוין ניט געווען צו דער קענען דען ער האט שוין אוים
געזעהען ווייא איין רעכטער יורד · לכעל ער פלעגט צו גיין נאך אין
אראצעמארינע קאפאטע אונ אין שלעכטע שיך · אטייערע טראבציגע
the outer trappings
מיט אוילבערנע גאלקע אונ דער ביי אקארענע טאבעקירקע
אטייערע שטריימעל מיט איין אוים געריבענעם ווערך · אונ פלעגט
צו דער ציילען אלץ פון זיינע גוטע צייטען · דער צו האט ער נאך
געהאט נאך די צרות פון זיינע קינדער וואס האבען געוואוקסט אלץ צו
געבראוכען אבער ניט אויף איין זאך צו פערדינען · זייא האבען צו ויי



זאך געטויגט ווייל זייא האבען קיין זאך געלערענט · נון האט איינער
געמוזט ווערין איין שיינקער · דער צווייטער האט געמאכט אשפיין
קרעמעל · די טאכטער איז געווארען א טענדלערקע · אונ אלע דרייא
האבען זייער שלעכט געלעבט דער פון ווייא מען קען זיך פארשטעלין·
זייא אליין דאס הייסט ער מיט זיינער פרויא האבען געלעבט פון די
אלטע שפאטקעס וואס עס איז נאך ביי זייא געבליבען פון די גוטע
יארען · אדער פון איין אלטען חוב וואס זייא האבען איין געמאנט ·
די שטאט האט מיט! אים מיט ליד געהאט · מען האט אים אוים
געהאלפען אין עטליכע הונדערט טאלער · מען האט אים געפרופט
איבער ניעם איין געוואנט קראם מאכען · מען האט אים אקאנטע
געמאכט ביי די געוואנט פאבריקאנטען · עס האט אים אבער שוין
מער ניט געוואלט גלוקען · דען ווייא איין ווילדער פויגעל איז דאס
גליק · ער פליט אריין אין שטוב פון זיך אליין ווייא דורך איין צו פאל
עפעס · אונ פלאטערט אום איינינע שטונדען ביז ער געפינט אלאך
דורך וואנען ארוים צו פליהען · אונ דאן הוס · זעהסט דוא דיין אויגע
אזו זעהט מען אים שוין ווידער · ער האט קיין יאר אוים געהאלטען אונ
האט פון קראם אפ געשניטען · אונ האט אן געהייבען צווא לעבען אין
דחקות · נון האט אים איינער געוואלט נעמען פאר אמענטשין צו זיך
אין זיין געוואנט האנדעל · האט ער ליידער דער צו אויך ניט געטויגט
דען ער איז געוואוינט געוועזן נור צו געביטען · צו בעפעהלען · אבער
ניט צו געהארכען · קורץ דער פון עס איז אים געקומען אזו קורץ דאס
ער האט זיך געוואלט אוועק לאזען אין דער וועלט · פילייכט וועט זיך
אים וואס מאכען אונטער וועגנס · דען ער וויל זיך זעהן מיט זיינע
אלטע בעקאנטע פאבריקאנטען · מיט זיינע אלטע בעקאנטע פריצים ·
גראפען · אגב וועט ער צו זאמען מאכען נדבות · ער האט דיזען פלאן
פארגעלייגט פאר זיין פרויא אונ זיא האט דער צו מסכים געוועזן ·

דען זיא האט אויך איין געזעהן דאס דא אין שטאט איז ניט דא וואס צוא מאן פאר אים · אונ האט זיך אלזוי אויס געקליבען אין וועג ארײן · דאך אבער בעפאר מיר וועלען אים ארוים לאזען פון שטאט האבין מיר צוא דער ציילען איין עטוואס פון דעם ר׳ שמואל ר׳ שמעלקע וואס וואר דאן ארב אין ניקעלסבורג ·

(3)

## ר׳ ר׳ שמעלקע דער רב פון ניקעלסבורג

בימים ההם) אין יענע צייטען וואר ארב אין ניקעלסבורג דער גרויסער ר׳ שמואל שמעלקע (זכרונו לברכה) · דיזער מאן וואר איינער פון די גרעסטע גאונים אונ פון די גרעסטע חסידים וואס ווארען אין יענעם דור · דער צו וואר ער א גרויסער חכם · אונ א גרויסער בעל עצה אין מדינה זאכען · אונ וואר דאהער זייער חשוב אין דער גאנצער מדינה אונ פשיטא שוין אין זיין שטאט · דאס מען האט אן אים ניט געטאן קיין (דבר גדול) · אונ קיין (דבר קטן) · נון פערשטייט זיך דאס עס איז מיט אים געשפראכען געווארען כמה מאל אויך וועגען דיזען יורד · אונ ער פלעגט אלץ פערשלאגען די רייד אונ פלעגט אן הייבין צו שפרעכען דאן אלץ פון אנאנדער זאך · דאס מען האט געקענט דער פון זייער לייכט פערשטיין דאס דיזער פיקאנטע איז ביא אים עפעס ניט זייער תקיף · איין מאל האט קהל געוואלט מאכען דיזען געפאלענעם נגיד פאר אנאמן איבער קהל׳שע געלט · האט ער ניט דער לאזין די קיזערליכע געזעצע איז האט ער געזאגט דאס דער מענש וואס האט שוין איין מאל אן געזעצט זאל מען אים ניט אן טרויען אבציסטווינע געלט" אונ אזוי [illegible] ער אים ניט דער לאזען אויך צוא קיינע אנדערע התמנות דען דיזער גאון האט געהאט איין קלארען בליק דאס ער האט דורך גענומען יעדען מענטשען נון האט ער בוודאי דיזען פיקאנטען



געקאנט מיט די בעסער · אונ וואר אים ניט גוט ·

ובהיותו רואה ללבב) אונ וויל ביא אים וואר דאס הויפט זאך צוא זעהען אין א מענשען דאס הערץ אונ צוא שעצען דעם כאראקטער מעהר אלס אנדערע מעלות דאהער וואר גאנץ זעלטען דאס איינער זאל אים רעכט געפעלען · אונ דאריבער טאקע פלעגט ביא אים קיינער ניט בעקומען איין הסכמה אויף א ספר · אונ פשיטא שוין ניט א כתב ווי דער סדר פון אנדערע רבנים וואס גיבען עם (עניים הגונים) וואס זיינען (מסבב על פתחי נדיבים) דאס זיא זיינען (יורדים) אונ (אנשים ישרים) בכן זאל מען זיא מקרב זיין אונ געבען רעכטע נדבות דען ער האט זייער גוט גיוואוסט דאס אזעלכע לייט האבן אליין שולד אין זייער דלות · נו ווען זיא האבין אויף זייער איינגענעם כבוד ניט חס פשיטא וועלין זיא שוין ניט חס האבין אויף דעם כבוד פון דעם רב וואס איז מעיד אויף זיי דאס זיא זיינען (אנשים ישרים) אונ וועלין אין וועג בעגיין די גרעבסטע זינדע אין דער וועלט · אונ די עהרע פון דעם גדול וואס איז מעיד אויף זיא לײדעט דער ביא ניט ווייניג ·

והדבר ההוא) אונ גראד אזו א כתב האט זיך גיוואלט אונזער פיקאנטען דאן בעקומען פון דיזעם גאון · אונ וויל ער האט גיוואוסט דאס ער וועט עס ביי אים בשום אופן ניט בעקומען · האט ער גיבעטין די ראשים פון שטאט דאס זיא אלע זאלין מאכען איין מליצה בכתב פאר אים צו אלע נגידים פון דער מדינה דאס ער וואר ניט לאנג א גרויסער סוחר · אונ איז איין (איש ישר) אונ (ירא אלקים) אונ איצונד איז ער געווארען א יורד דורך (כמה וכמה סבות) · בכן זאל מען אים העלפין ווייא נור מעגליך איז · אויף דיזעם כתב זאלין זיא זיך אלע אונטער חתמענען אונ צו ליב זיא וועט זיך שוין דער רב ג׳ לייכט אויך אונטער שרייבין · אונ האט עס ביא זייער לייכט אויס געפירט · ניט אזו אבער איז אים עס אן געקומען ביא דעם רב · דען

ער האט זיך בשום אופן נים געוואלט אונטער חתמענען „איך האב עס ביז אהער נים געטאן" האט ער געזאגט „אונ וועל עס איצונד אויך נים טאן".

לשוא) אומזאנסט האט איהם דער פיקאנטע געבעטן דאס ער זאל פארט אונטער שרייבן · אומזאנסט האט די ווייב זיינע געוויינט ביי דער רעבעצין דאס זיא זאל אויס ווירקן ביים רב · דאס ער זאל לייגען זיין חתימה אויף דעם כתב · ער איז געבליבן ביי זיין הארטען „ניין" ווי פריהער אונ האט נים געוואלט אונטער שרייבן · דא האבן זייא אנגעשטעלט אויף איהם די גרעסטע נכבדים פון שטאט הן אידען אונ הן קריסטען אונ האבן איהם נים געלאזט עסטעמען נעלבבט דער פרעזידענט פון שטאדט איז געקומען צוא איהם אונ האט איהם פאר געשטעלט דאס דיזער פיקאנטע איז נים גליך צוא איינעם אנדערען יורד „ער איז אמאן" האט ער צוא איהם געזאגט „וואס די שטאט האט פון איהם (כמה וכמה) יארען גרויס נוצען אונ גרויס הנאה געהאט · ער האט כמה מאל אויס געהאלפן (צדקה גדולה) מיט גרויסע (גמילות חסדים) אונ גרויסע נדבות · אונ וואר איין (עוסק בצרכי צבור באמונה) נון איז עס אגרויסע אונרעכט דאס ער זאל איצונד אין זיינע נויטען נים ווערין געהאלפן פון אייך מיט אזו אקלייניגקייט · איך קאווירע אייך דאס דיזער מענטש וועט אייך געוויס קיין שאנדע אן מאכן אין דער וועלט · אונ איר קענט איהם זיכער אן טרויען איין כתב וואס ער קען איהם זייער לייבט גליקליך מאכן · גראדע מיט דעם ווייל ער וועט זיין דער ערסטער פון אייך אין דער מדינה אונ אייער נאמען איז גרויס אונ הייליג".

דברי השר הזה) די רייד פון דיזעם שר האבן זייער שטארק געווירקט אויף דיזעם גאון · דען ער וואר אגרויסער נכבד אונ אלע וויכטיגע אינטערעסען פון שטאט פלעגין דורך צו גיין דורך זיינע הענד



אונ איז געווארין ווייכער · „איך זיינע נור אייך" האט ער איהם געענטפערט „גוד אייך · נון זאל ער קומען צו מיר דער פיקאנטע · איך וועל איהם פריהער אליין אפ שלאגין דער פון · אונ ווען ער וועט דאך דורך אויס פאר לאנגען דאס איך זאל איהם געבין דעם כתב · דאן בין איך (עובר על דעתי) צו ליב אייך אונ וועל עס איהם געבין" · דער פרעזידענט האט זיך ביי איהם בעדאנקט · איז אוועק אונ האט צו אונטער געשיקט צו איהם דעם פיקאנטען · דער רב האט איהם אן גענומען זייער פריינדליך אונ האט איהם אריין גענומען צו זיך אין זיין קאבינעט · דאס הייסט ביחידות אונ האט דארט געהאלטען מיט איהם א ווייטען געשפרעך:

שמעוני) הערט מיך אויס ליבער ר' צדוק" האט ער צו איהם געזאגט „איך האב ביי מיר אויס געפירט דורך דעם פרעזידענט אזו אזאך וואס קיינער האט נאך ביי מיר ביז דאטע אויס געווירקט · גוט איך וועל אייך געבין אכתב · נור ערסטענס בעט איך אייך דאס איר זאלט אייך אין וועג לייטעס אויף פירען · דאס איך זאל ניט דארפין חרטה האבין אויף דיזער טובה · צווייטענס האטע איך אייך ווי איין גוטער פריינד דאס איר זאלט בעסער בלייבין אין דער היים · אונ האפין צו גאט אויף בעסערע צייטין · ווערט בעסער אמעקלער פון סחורות אונ דאס גלייכן · נור קומט ניט אן צו בעטיל ברויט · איך בין אייך אפילו מודה · דאס איר וועט מיט מיין כתב מאכין גאר די געלט · דאך אבער קיין נעדייהען (גליק) קען שוין נים זיין דער ביי · אונ איר וועט בלייבין אבעטלער צייט איר וועט לעבין · דען עס וועט אייך שוין אימער ציהען דר צו · דען פאר זוכט מען איין מאל נור דאס בעטיל ברויט · דא האט מען שוין קיין הנאה פון קיין פערדינטען גראשען · מען האט מער הנאה פון איין אויס געבעטעלטען גילדען אלס פון איינעם פאר הארעוועטין טאלער · פונקט ווי יענע לעצטע מיז וואס בלייבט אין דער אייזערנע קלעמקע וואס

קען שוין קיין אנדער זאך עסן מער ניט ווייא מיין *)

שמעו וראו) הערט אונ זעהט וואס דר קלוגער (בן סירא) שרייבט אין זיין ספר קאפיטעל מ' וועגין דעם בעטלערס שטאנד · אונ ווי ווייט ער איז דאס (מגנה) · ער זאגט דארט אזו : (כ"ח) (בני מנע רגליך מנדוד ללחם · כי טוב יום המות מחיי נדודים) : האלט דיך אב מיין קינד פון בעטיל לעבין · דען דער טויט איז פיל בעסער דער פאר : (כ"ט) (חיי איש שוקד על שלחן אחרים · אינם חיים) : יענער לעבט ניט דער וואס קוקט אן צו איין פרעמדין טיש : (ל) (אוכל פת זרים · נפשו ישפיל · ורחב לב יקוץ בלחם הקלקל) : יענער ערנידעריגט זיך דער וואס עסט פרעמדע ברויט · איין מאן פון כאראקטער פאר עקעלט (ברידזעט זיך אזו איין שמוציגעס ברויט : (ל"א) (לחם עוני יבעם ללא ידע בשת · אך אש אוכלת בבטנו) : דיזעם ארעמעם ברויט קען נור האבין אמעם ביי דעם דער וואס האט אין זיך קיינע בושה · נור איין שטארקין אפעטיט וואס פערצערט ווי איין פייער : נון וואס זאגט איר דער צו מיין ליבער

*) דאהם אין מעדרען אונ אין בעהמען לאנד פערטרייבט מען ד"א מייז מיט אזו אמיטעל · מען האפט בערך אצעהען מייז אונ מען לאזט זייא ארין אין איינער אייזערנע קלעטקע אונ מען הונגערט זייא אזו לאנג ביז איינע עסט דיא אנדערע אויף · נאך גרעזען זייא זיך אזו לאנג ביז עס בלייבט נור איינע דיא לעצטע אלעבעריגע · אונ דיזע לאזט מען דער נאך ארוים אין שטוב · זיא פאר לייפט באלד אין איינער נארע אונ נערט זיך דארט נור פון מייז · זיא מעג אן טרעפין דיא בעסטע שפייזען פון דער וועלט בערירט זיא זייא ניט · עסט נור מייז · נון צו לייפען אלע מייז צו ליב איר פון שטוב אונ ערסט פייגערט זיא אויך אוועק פון הונגער · דען זיא קען שוין קיין אנדערע שפייזען ניט געניסען ;



פריינד ? ווייא שמעקט אייך דיזע קלוגע אונ געטליכע רייד ? פאלגט מיך אונ בלייבט צוא הויז · מען וועט אייך דא אויך ניט פערלאזען · אונ שלעפט אייך ניט איבער דער וועלט ·

ויען פיקאנטע ויאמר) דא האט זיך דער פיקאנטע אפגערופען „ליבער רבי ווען איר זייט יוא אזוי ממאס דיא מענשען וואס זיינען (מסבב על פתחי נדיבים) · אם כן ווילט איר דאך גאר עוקר זיין דעם ענין פון צדקה פון אונזרע אידען ?" „ליבער פריינד" האט אים דער רב גיענטפערט „ווי עס איז א מצוה צו געבען צדקה אזוי איז א מצוה אויך (מבקר חולה) צו זיין · אונ דאך וועהט מען מיט אלע מעגליכקייט דאס קיינער זאל ניט קראנק זיין · נון קען דאך דא אויך זיין דיא זעלביגע קשיא אם כן ווען אלע וועלען בלייבין געזונד וועט דאך בטל ווערען דיא מצוה פון (בקור חולים) · נור דיא מעשה דער פון אבער איז אזוי · ווען עס טרעפט שוין איינעם דאס אונגליק דאס ער איז אין גרויסע נויטען אדער ווען איינער איז שוין קראנק · אונ דיא ביידע דאס הייסט דער ארעמער אונ דער קראנקער האבין ווירקליך קיין שולד אין זייערע אונגליקען · דא איז א מצוה דעם צו געבין צדקה אונ דעם (מבקר חולה) צו זיין ווען אבער למשל איינער האט זיך אליין בדלות געשטעלט · אדער זיך אליין קראנק געמאכט · דא איז דאס רעכט דאס מיר זאלין אונזער (מדת הצדקה) · אדער דיא מדה פון (גמילות חסד) אן ווענדען אן בילכערע · דאס הייסט אן אזעלכע וואס האבין זיך נוהג געוועזען כשורה אונ זיינען פארט געווארען ארעם אדער קראנק „אונ ווען זיינען עס ניט דא אזעלכע בילכערע ? נון רבי הייסט עס" האט זיך דער פיקאנטע אפ גערופען צוא אים · „דאס איך האב זיך געמאכט אליין פאר איין ארעמאן מיט מיין הולטייסקען אויפפירונג · אונ דיא גאנצע שטאדט אונ איר זעלבסט ווייסט דאך דאס איך האב מיך אויפגעפירט ווי די גרעסטע נכבדים מיט (צדקה) · מיט (גמילות

חסדים) · מיט (עליות) · מיט שארפע מלמדים אונ דאס גלייכן "הערין
זיא ליבער פיקאנטע" · האט זיך דער רב אפ גערופען צוא א ם "מיין
זיינען דאך דא נור ביידע עס איז דא מער ניט וויא נאס דא צוא
וויסען אונזי מיר איז אייער אויפירען · אייער רייך ווערען אונ צייעו
ארעם ווערין דורך אוים ניט געפעלען · נון האט ביי מיר אבנים אייעו
פרעטענזע וואס איר מאכט דא דאס איר זייט איין געפאלענער גביר
איצונד · אונ מען מוז אייך דער פאר זייער שוינען אזוי וויא איינער
וואס מאכט זיך אליין פון אפראסטען סאלדאט פאר איין יענעראל ·
מוט אן אמונדער מיט שליפעס · מיט ארדערען · אונ הער נאך אלס
מען דערגייט דם פאלש אונ מען בשטראפט אים ווי ער הט פארדינט
בעקלאגט ער זיך ווי שוינט מען עס ניט אגיוועזענם יענעראל · אונ מען
בעהאנדעלט אים נאך ערגער אלס איין פראסטען · איר אליין מיין
פריינד ווי מיר ווייסען ניט באט האט אייך געמאכט פאר אגביר · אונ
איר אליין האט אייך אויך זעלבסט רעזאלוועט · דען איר הט געלעבט
אן ארעבענונג · נור פאר דיא הוילע גאוה וויא איר פארשטייט אליין
נון הייסט איר איין געפאלענער גביר · אונ האט פראטעזיאנען צוא
דער גאנצער וועלט · אונ ווילט נאך גאר דער פאר גרויסע נדבות
בעקומען אין דער מדינה · אונ נור דורך מיך · געווג מיין פריינד
איך וויל ניט אריין גיין מיט אייך דא אין גרויסע וויכוחים · איך גיב
אייך דעם כתב אבער ניט אוים רחמנות אויף אייך מער ניט ווייל איך
האב געמוזט צוא זאגען עס דעם פרעזידענט וואס אונזער וואויל אונ
ווייהע שטייט אונטער זיינע הענד · דיזער מיטעל אליין מיך צו צווינגן
דורך אים איז שוין פון אייך אגרויסע אונרעכטיגוא זאל שוין זיין אונ
האט אים אליין דעם כתב אונטער געשריבין ·



(4)

## זיין וואנדערען איבער דער וועלט

ויצא האיש) נון איז ארוים דיזער פיקאנטע מיט דעם כתב פון
דעם רב · אונ איז אוועק דער מיט אין דער וועלט ווייא מיט איין
אנווייזונג פון דעם אייביגען שיקזאל (מערכה) צוא דעם געוויסען גליק ·
האט זיך אומגעקליידעט אביסעל נאבאזנער · אונ האט אויסגעזעהן
אין זיין גאנצען אנצוג ווי איין אמאל בעזילבערטער מעסענער בענך
לייכטער וואס דיא בעזילבערונג איז שוין אראפ געקראצען אונ עס איז
מער ניט וויא אין איניגע שטעלען געבליבין נאך עטליכע זילבערנע
פינטעלך אלס איין זכר דאס ער וואר אמאל אזוי דורך אוים בזילבערט ·
אונ איז ניטשטאנען אויבין אן אויף דעם קאמאד · דען דאס האט זיך
ארוים געזעהן ביי אים אטייערע העמד · אקונציגער קאפטעל · אונ
דאס האט ער אויף זיך געטראגען איין אוים געריבענעם פוטער פון
טייערען פוטרוואר · הגם האט ער גיהאט מיט זיך אין וועג זיינע
אזילבערנע פוסקע מיט זיין נאמען געשניטען דארויף ער האט עס אוים
גיוויינט ביי דעם וואס דאס וואר פערזעצט פאר זיין אוועק פארען ·
אלץ אלטע סימנים פון איין געפאלענעם גביר וואס ווארען אים זייער
נייטיג צוא זיין איצטיגע ראלע · אונ איז זיך געפארען זייער זאכט ·
ויהי בכל המקומות אשר עבר) אונ עס וואר אין אלע ערטער
וואס ער איז נור געקומען אונ האט געוויזען דעם כתב פון ר' שמעלקע
האט מען אים אויף גענומען (בכבוד גדול) · אונ מען האט אים גיגעבין
דיא גרעסטע נדבה · מען האט אים ניט גיגעבן ארענדיל אדער צוויי
(חלילה ישראל קדושים הם) · מען האט באלד געמאכט וואו ער איז
נור געקומען איין אסיפה אונ מען הט אים גיגעבן פון קהל צו צוואנציג
צוא דרייסיג צו פופציג דוקאטען (לבד הוצאות הדרך) אונ מען האט

אים ארויסגעלאזען (בכבוד גדול) · דען דער כתב מיט ר׳ שמעלקעס
חתימה וואר דער ערסטער וואס דיא וועלט האט עס בעקומען צו
זעהען · גרויסע גבירים האבען אים איין געלאדען צוא זיך אונ האבי
אים בעזונדר בעשאנקען אום צו האבן דר ביי איינע גוטע געלעגענהייט
אוים צוא פרעגען ביי אים וויא דער ר׳ שמעלקע איז זיך נוהג ביי זין
אין שטוב · אין זיין (בית המדרש) אונ דאס גלייבען · אונ האבין זיך
ניט געקענט אפ חידעשען וויא אזוי דער פיקאנטע האט זוכה געווע
צו באקומען פון אים אכתב · אונ האבין אים דארום זייער פרגעטרט
קורץ דער פון דיזער פיקאנטע וואר אויף זיינער רייזע אזוי גליקלאך
וויא איין חסידעשער רבי וואס פארט אום צוא ווישען זיינע חסידינ
דאס אין אמשך פון איאר האט ער בעקומען אקארק פון אצוואנציג
אקס אונ דער צוא דרייא טויזענד טאלער (לבד מתנות) אונ קליידע
אונ נאך מעהר פאר אלץ איין פריילעכעס הארץ · אונ האט זיך אזויא
אין מחשבותען מרחיק געוועזן פון דער היים מעהר אלס הונדערט אונ
פופציג מייל · אונ וואס ווייטער האט דער כתב אלץ מער גיגאלטן
קורץ דער פון ער האט שוין צוא זאמען געקליבען מעהר אלס פינף
טויזענד טאלער אין באהר ·

ויאמר בלבו) נון האט ער ביי זיך געטראכט איצונד וועל
איך מיך שוין אומקערען אהיים · אונ וועל מאכען דייקע אגישעפט
דעם רב להכעיס אום צוא ווייזען אים דאס עס איז ניט אזוי וויא ער
זאגט · דאס וועט עס לאזט זיך ארין אין בעטעל ברוים בלייבט
אבעטלר · נון זאל ער זעהן דאס פון אבעטלר קען ווערען אויך אעושר.

(5)

## דער בעל דארשער

ועתה)<נון מיינע טייערע לעזערין> לאמיר אויף אווײלע אונז



אפ קערען פון אונזער גליקליכן בעטלער לאמיר אים לאזען נאך קלייבין
נדבות · אונ מיר וועלן דא דער ווײלע בעטראכטן וואס פאר אצייטין
עס ווארען אין יענע דורות וואס דיא געשיכטע האט געטראפען דען
מיר דארפען עס זייער נייטיג צו דיזער ערצייהלונג יענע צייטן ווארען
גאנץ אנדערס אלס אונזערע צייטען · עס וואר דאן קיין אייזענבאהן ·
פאצט במעט אויך ניט · דיא וועגען ווארען זייער שלעכט איינגעריכט
דאהער ווען איינער איז געקומען פון פופציג מייל · האט עס געהייסן
ער איז געקומען פון (מרחקים) · ער האט געמעגט דער ציילען וואס
ער האט נור געוואלט און גלויבענדע האט עס דאן ניט געפעלט · אונ
ווער רעם שוין ווען איינער איז געקומען שוין ווירקליך פון איין אנדערע
מדינה · אונ ווער רעט שוין פון ארץ ישראל · אונ דאהער וואר דאן
גרויסע וואונדר דר ציילט דאס עס איז דא אזעלכע לענדר וואס פייגלך
וואקסען אויף ביימער · עס זיינען דא ערטער וואס דארט זיינען דא
אזעלכע מענטצעלעך וואס זיינען קלענער פאר אשפאן · אונ ווידער
זיינען דא אזעלכע ריזען וואס זיינען העכער פאר דיא העכסטע בוימר
אונ האבין נור איין אויג אין שטערין · די (ארץ ישראל) אידין פלעגין
דער ציילען דאס דער (כותל מערבי) שוויצט ארוים בלוטיגע טרערין
אום (תשעה באב) אונ ווען אין חברון פעלט איינער צוא אמנין גיים
איינער ארוים פון דער (מערת המכפלה) אונ ווערט אצעהענטער · אונ
דאס אלע שווארצע העגער פון צפת זיינען געווארען איבער איין נאכט
וויים · אונ נאך אזעלכע געשיכטען* מיט פאר שיידענע געדיכטן ·
די פונאיינאנדער טרעגער פון אזעלכע שמאכטעס ווארען איבער הויפט
דאן דיא שנארער אדער לאנד שטרייכער · שלעפערס וואלציינגעס
וואס ווארען דאן גאר אן אשיעור אונ אן ערך מיליאנען מאל מעהר
וויא היינט :

האספסוף הזה) דיזער געזינדעל · אדער ארעמע חאלאסטרע ·

* ער אַלײן האָט דאָך אַרויסגעגעבן אַזעלכע מעשׂיות!

די קלאַסן פון שלעפּערס



חט זיך געלאזט איינטיילען זייער לייבט אין כמה קלאסן איינע קלאס
1. ווארען גלאטע שלעפערס מיט ווייבער אונ מיט קינדער וואס פלעגע
גיין ביא זאמען צוא דרייסיג צוא פערציג אפ גערויסען אפ גישליסען
בארוועסע נאקעטע · זיי פלעגען זיך אום צו שלעפען פון ישוב צואל
ישוב אונ פון שטאט צו שטאט · עס ווארען דאן באלעגערט מיט זיי
דיא גאסטענצען · זייא ווארען (בלא תורה · בלא דרך ארץ אן בושה ·
אונ אן (חרפה) אונ האבן געטאן אלץ וואס פארבאטן איז · די צווייטע
2. קלאסע ווארען שטיקלך (יורדים · נשרפים · עגונות · גלגולים)
3. קיילעקס · דיא דריטע קלאסע ווארען קליינע שדכנימלאך · קליינע
חזנימלאך · מוכר ספרימלאך · מיט פארא וארעדיגע לוחות
מיט פערריבטע תפילין מיט קמיעלעך · היעלעך · ען הרע אפשפרעכער
וואקס אונ בליי אויסגיסער · אונ (בעלי שמות) אליין · די פערטע קלאסע
4. ווארען שוין יאלעווע באל דארשער · דאס הייסט אזעלכע באלדארשערס
וואס זיינען יאלעווע (ניט מעלקעדיק) דאס איז געמיינט וואס זיי זאגען
קיין תורה · נור וואס קענען דער ציילען ספורים פון גרויסע רבנים ·
פון גרויסע גאונים · זאגען גמטריאות · וויזען רמזים אויף משיח
דאס ער וועט קומען אין דיזעם יאר אונ דער ציילען זיך אונטער נייעס
פון (ארץ ישראל) · דיא פינפטע קלאסע זיינען שוין רעכטע באל
5. דארשער · דאס הייסט וואס קענען שוין זאגען (דרשות · חריפות ·
הספדים) · דיזע פלעגט מען שוין צו געבן בעזונדערע פורען · פלעגין
שוין איין צו שטיין ביא דעם (פרנס חודש) אונ פלעגען צוא בעקומען
אשארפע נדבה · דיזע פינף קלאסען שנארער · פלעגען אימער צוא
ציהען פון שטאדט צוא שטאדט נאר אן אויף הערונג זייא פלעגען צו
זיין גאנץ קלוגע יונגען · האבין געקאנט דיא גאנצע וועלט · אונ ביי
גביר'שע התונות ווארען מיט זייא בעזעצט (כמה וכמה) טישען · אונ
אזוי אויף בריתען · אונ ביא דער לויה פון אגביר פלעגין זייא עפעס



וויא פון הימעל ארונטער פאלען דען זיי פלעגען צו בעדעקען דעם
גאנצען (בית עולם) ווי אשטייע קראעס בעלאגערן אפט פאר אשנייע
דעם ארט וואו אפאחוויארע איז גישטאנען · דיזע חברה האבין גיהאט
אלע געלט אונ האבין פיינט געהאט איינער דעם אנדערן פונקט ווי
דיא שפיגען *)
ויהי) אונ עס וואר אלס אונזער פיקאנטע האט שוין גיהאלטין
בייא דער דעה זיך אום צו קערין אהיים · האט ער זיך באגעגנט אין
זעלטענע אנרויסע הרעצמע מיט איינעם פון דער פינפטע קלאסע · דאס הייסט
מיט איין באלדארשער וואס איז גאר גיוועזן אגרויסער מוכיח · ער וואר
שוין אויך אציים פון דר היים אונ זייער ווייט זיך פאר שלאגין פון זיין
שטאט · עס וואר דאן אשלעכטער וועטער · עס האט גיהאט צו טאן
דאן דר ווינטער מיט דעם זומער · אוויילע האט גישנייט · אונ אוויילע
האט גירעגינט · עס וואר גאר אונמעגליך ארויס צו גיין אויף דרויסין
ניט דינען זייא דארט אפגישטאנען דעם גאנצין טאג אונ האבין נאך דר
צו גימוזט בלייבן נעכטיגן · אונ עס וואר אלס זייא ביידע האבין זיך
גילייגט שלאפין אין איין (פאקויציג) האבין זייא זיך פון איינאנדער
גירעט · אונ האבין זיך דער ציילט איינער דעם אנדערין זייערע

*) קיין בעשעפטענעם אין דער וועלט האסען זיך אזוי איינאנדער
וויא דיא שפיגען · זעלבסט דער זכר וואונט ניט צו זאמען מיט דר
נקבה · יעדער נור אין אבעזונדערין נעסט · אונ אלס עס קומט דיא
פארונגס־ציים · דא קומט דער זכר צו דער נקבה מיט (סכנות
נפשות) · דען טרעפט ער איר אן צו דר רעכטער צייט · דאס הייסט
בשעת זיא האט אויך לוסט דער צו איז גוט · אונ ווען ניט פאלט
זיא אויף אים ארויף אונ איז אים (מכית) · דען זיא איז פיל גרעסער
אלס ער אונ זעלבסט אין גוט לעבין מוז ער אויך באלד אנטלייפין ·

גישעפטין · דער באלדארשער האט זיך בערימט מיט זיינע מגידות · און דער פיקאנטע מיט דעם כתב פון ר' שמעלקע. „אזו" האט זיך אפ גירופין דער מוכיח, „אזו איר האט אכתב פון דעם ר' שמעלקען · אזוינם גלויב איך גאר ניט־דען נאך האט דער ר' שמעלקע אין זיינם לעבן ניט גיגעבין גאר וועמען אכתב". „נוא ווערט איר עס באלד זעהען" האט אים דער פיקאנטע גיענטפערט און האט עס אים באלד געוויזען · קוים האט עס דער באלדארשער דער זעהען · איז ער גיווארין גאר אצו־קאכטער · און האט אן גיהייבין אים (חוקר ודורש) צו זיין ווי אזו ער האט עס זוכה גיווען צו בעקומען פון אים · דא האט אים דר פיקאנטע דער ציילט דיא גאנצע געשיכטע דער פון. „נוא וואס האט איר מיט דיזעם געטליכען בעזעם צו זאמען געשארט געלט ?" האט אים דער מוכיח ווייטער גיפרעגט. „אפולע מער אלס איר מיט אייערע דרשות" האט אים דער פיקאנטע גיענטפערט. „בערך אטאלער זעקס טויזענד מיט מתנות צו זאמען לבד הוצאות". „אזו ?" האט זיך דער מוכיח אפ גירופין, „נו הייסט דאך דאס איר זייט שוין גאר איבער נייעס אגביר גיווארין · און איר ווילט נאך ווייטער גיין בעטלען ?". „ניין" האט אים דער פיקאנטע גיענטפערט, „איך פאר שוין צו ריק · דען איך האב שוין גינוג · און וועל צום צווייטען מאל דאס גליק איין לאדען (פאר בעטין) צו מיר · דען איך בין דאך אין דער היים אסוחר".

אם הדברים כן) „ווען אזו" האט זיך דער באלדארשער אפ גירופין צו אים, „צו וואס ברויכט איר זעדעם כתב מיט זיך ?" „נוא אשיינע שאלה ?" האט ער אים גיענטפערט, „ערשטענס וועל איך צו ריק פארין דורך איין אנדער וועג און וועל ווייטער מאכין געלט · און צווייטענס וויל איך דעם כתב אפ געבין צו ריק דעם ר' שמעלקען בשעת איך וועל קומען אים דאנקען און דר ציילין ווי חיות זיין נאמען איז גרוים אין דער וועלט · און ווי ווייט איך בין דורך אים גיהאלפין



גיווארין, ניין מיין ליבער פריינד". „איר זייט גאר אין טעות אין רעכענונג דען וואס איר זאגט דאס איר וועט פארין צו ריק דורך איין אנדער וועג קען דאך דאס מער ניט זיין ווי איבער טייך לאנד · און דארט איז מען שוין פיל קלוגער אלס פרימער · און מען וועט אייך צו ליב דעם כתב אליין קיין גראסין געבין · און ווייטער וואס איר זאגט איר וועט עס אים אליין אפ געבין בשעת איר וועט קומען צו אים דאנקען · זאלט איר וויסען דאס דער ר' שמעלקע איז שוין (עליו השלום) גישטארבין · און איך אליין האב שוין דרייא הספדים אויף אים גיזאגט און האב פאר דינט אשטיק געלט דער פון". „אזו ?" האט זיך דער פיקאנטע אפ גירופין צו שראקענער הייד. „אזו דער ר' שמעלקע איז גישטארבין ? נוא זאגט זע מיר ווער איז איצונד ארב דארט ?". „דער ווילע קיינער ניט" האט אים דער מוכיח גיענטפערט גאנץ קאלט בלוטיג. און האט אן געשטאפט אלולקע טיטון און האט אלץ געקוקט דורך דעם פענסטער צו דריים נאך אויף דרויסען · און האט גיזאגט, „אזי עס איז גאר (מעשה שטן) עס גיכט נאך אלץ אויף דרויסען · דר הייסט צו וועל איך נאך מארגין קענען פארין · אזי ווי מיינט איר וואס וואלט איך שוין ניט פערדינט אין דיזעם (מעת לעת) וואס איך האב דא פאר הינעט · צו איר ווייסט ניט וואס הייסט עס פארט ר' שמעלקע איז גישטארבין · מען רייסט הספדים פון דיא הענט · און קיין מגיד האט זיך נאך גאר מיט קיין הספד מכין גיווען אויף אים דען ער איז גישטארבין נאך גאר איונגער מאן און אום גירעכט · און איך גילויבט איז זיין נאמען בין איין אנדר מענטש · חלעבין איך ווארט ניט אויף די לעצטע שעה · איך האב אלער האנד סחורה אין זאפאס · און דאס איז נור ווייל איך ווייס דאס יעדער מענטש קען שטארבין אלע ווילע · נון בייא אזו אגוטע גילעגינהייט ווי איצט · דאס הייסט זיינענדיק אספקן איבער אזו

אגרויסען מאן וואלט זיך מיר שוין וועלן האבען אויך זיין כתב ביי מיר
אונ אויב איר וועט מיר אים וועלן פאר קויפען וואלט איך שוין פאר
נאכט אויף אים עטליכע צעהענדליג טאלער". "צו וואס קען ער אייך
נוצען ?" האט אים פיקאנטע גיפרעגט, "ווען דער כתב איז דאך גאר
געשריבען אויף מיין נאמען אונ ניט אויף אייערין ?" "זאלט איר געזונט
זיין" האט אים דער (בעל הדרשר) גיענטפערט, "וואס איז אויף מיין
שטערין שטייט אויף געשריבען וויא מען רופט מיך; נון וועל איך
הייסען אין יעדער שטאט וואו איך וועל אים נור מספיד זיין "רי צדוק
פיקאנטע" נון וויא מיינט איר פארט נאך אנגעראטענעם הספד אז מען
טוט אוודאי אזו אכתב מהכתבים וועט מען מיר פיל ווארעמער בעצאלן;
דאהער ליבסטער פריינד לאזט זיך האנדלען, אונ פאר קויפט מיר
דעם כתב, אונ אפריכטיק אגוטען וועל איך מאכען.
הדברים האלה) דיזע רייד איז זייער טיף צריין אין די אויערין
פון דעם פיקאנטען, אונ האט ביי זיך מיישב געווען צוא וואס קען אים
איצונד נוצען דער כתב, ער וועט שוין פון אים ניט דער לעבין מעהר
קיין געלט אונ קיין כבוד דען ער פארט דאך שוין צוא ריק מיט דער
זעלביגער וועג אונ רי שמעלקע איז שוין אויך געשטארבין, אונ האט
זיך אן געהייבן צוא דינגען מיט דעם באל דארשער, ער האט אוים
געבעטען ביי אים דרייא הונדערט טאלער פאר אים אונ האט אים
פערקויפט פאר הונדערט פופציג, אונ מען איז זיך פון איינאנדער
געפארען זייער פרייליך ערסט געגען אווענד.

(6)

## דער שנארער

הדרשן הזה בחש לו) דיזער דרשן אבער האט דעם רי צדוק
פיקאנטע ביגראגען דען דער רי שמעלקע וואר דאן ניט געשטארבין



לבד דעם האט ער אים אובער געשיקט איינע שייקע (באנדע) כסלער
פון די חברה שלעפעהס פון דער ערשטער קלאסע אונ זוי האבין אים
נאך געשאצעט (אויפגעפאסט) שיינע עטליכע טעג, אונ האבין אים
ברלות געשטעלט, דאס וויא האבין אים ממש אן אהעמד געלאזען,
אונ דער באלדארשער האט זיך בעקומען זיין געהעריגען טייל, גאר
אן אשום טענה אונ מענה אונ איז זיך אוועק מיט דעם כתב קיין
גאליציען פון דארט קיין אונגארען, אונ דער נאך קיין מאלדאווע אונ
האט (מאסף ממון) געווען זייער פיל; דען נאך האט אזוי איין הייליגע
גענער קיין באלדארשער געהאט אין זיינער האנד ווי דר כתב וואר,
נון לאמיר לאזען דיזען מוכיח ציהען איבר דער וועלט אונ מיר וועלען
אונז ווענדען צוא אונזער רי צדוק פיקאנטע, אים צוא וויסען וויא עס
גייט מיט אים נאך דער גנבה'עס איז ניט קיינע מענשליכע פעדר אים
שטאנד צוא בעשרייבין וויא עס וואר צוא מוטה דיזעם פיקאנטען אלס
ער איז אויף געשטאנען אין דער פריא נאך דער גנבה אונ האט זיך
דער וויסט נאקעט אונ בלויז וויא אדם הראשון, פון זוכען אונ יאגען
דיא גנבים וואר גאר קיין רייד; דען ווער האט זיך געלאזט אן נעמען
דארט פאר אים אין אפרעמדע לאנד וואס ער איז דארט עלענד אונ
אונבעקאנט, צווייטענס האט ער ניט געהאט אין וואס נאך אמאל
ארויס צוא גיין דען ער איז געבליבין מוטער נאקעט, אונ האט זיך
ניט געקענט אריר טאן פון אבסניא ביז אידעשע קינדער (רחמנים בני
רחמנים) האבין זיך צוא זאמען געלייגט אטאלער צעהען אונ האבין
אים אביסל בלאטעט אונ האבן אים גיגעבן אויף הוצאות אפאר טאלרי,
אונ ער הט זיך פון דארט אוועק גישלעפט צו פוס, אונ אונטערוועגנס
האט ער ערסט צייט געהאט גענוג צוא בערעכענען זיך דאס גאט האט
אים געווים דאס געשטראפט פאר וואס ער האט פר קויפט דעם כתב

און צוא דער מאנגען זיך דער בייא אויך ווייא וואר עס זייגען דיא רייד
פון דעם רב וואס ער האט אים געזאגט דאס דער וואס פער זוכט נור
דאס בעטעל ברויט · דער קען זיך דער פון שוין נים לויז רייסען אונ
בלייבט אבעטלער צוא ווילענדיק צוא נים ווילענדיק ·

ימים רבים) פילע טעג האט ער אלץ ביי זיך געקלערט וואו זאל
ער זיך קערען אונ ווענדען · צו אהיים צי צוריק אדער צו זייגע אלטע
בעקאנטע פאבריקאנטען · אדער גלאט זיך אין דער וועלט אוועק לאזין
אונ וואר אזוי אלץ נים איינגיג מיט זיך ביז ער איז אויף דעם וועג גיוואר
גיווארען דאס דער באלדארשער האט אים בעטראגען מיט דעם וואס
ער האט אים געזאגט דאס דער רב איז געשטארבען · דען ער לעבט
גאר אונ האט נים לאנג חתונה געמאכט אקינד · נון וואר אים שוין
אונמעגליך אום צו קערען זיך אהיים · דען ווי וועט ער קענען ווייזען
זיין געזיכט דעם רב ווען ער האט זיין כתב פארקויפט · אונ וואס פר
אצורה וועט ער האבין בייא זייגער ווייב אליין קומענדיג אן אגראשען ·
נון איז בייא אים געבליבען דאס ער זאל זיך אוועק שלעפען קיין ליטע
אונ קיין פולין · אונ האט זיך אזוי אומגעשלאנדערט איאר צוויי פון
דארף צוא דארף · פון שטאט צוא שטאדט אונ איז זיך געווארען מיט
דער צייט אגוטער פרעסער אונ אגרויסער זויפער · אונ פלעגט אפ צו
שפירען וואו עס דארף נור זיין אחתונה · אברית · אונ האט נים איין
געלאזען אזו קיינע געלעגענהייט צוא בעטלען ווייא איין געבארענער
שנארער · ער האט שוין נים געקוקט אויף קיין תכלית · עס האט
אים שוין נים געקימערט אום זייגער פרויא · אונ פשיטא שוין
נים וועגען זייגע קינדער · דרייא מייל צוא פוס גיין וואר
בייא אים גאר ניכט אום נור אגוטע וועטשערע צוא עסען
דארט · אונ האט זיך אזוי מיט אבאנדע אנדרע שנארערס דאך אום
גיקערט אהיים · אבער גאר נים געאיילטער היים · דען ער איז נים



געפארען נור צו פוס געגאנגען · האט זיך געבעטעלט אין יעדער שטעטיל
האט נים אויסען געלאזען קיין נגידעשע חתונה · אונ האט זיך אזויא
געשלעפט עטליכע חדשים אונ איז זיך געווארען פון טאג צו טאג מער
פיאנעצע נון לאמיר אים לאזען שלעפענדיג זיך אהיים אלס בעטלער
אונ מיר וועלען אונז אומקערען צוא אונזער באלדארשער ·

(7)

## ווידער דער באלדארשער

והמוביח הוה) אונ דיזער באלדארשער וואס האט אפ געקויפט
דעם כתב ביי אים האט (מאסף ממון) גיוועזן גאר אן אשירר אונ גאר
אן איין ערך · דען אשפאס איז דאס מען האט אין דער האנט גיהאט
אזעלכע צוויא גילטיגע מיטלען · דאס הייסט דיא זאגערייא אונ דעם
כתב פון אזו אגרויסען מאן · דער ביי וואר ער נאך איין אויסגעמאכטער
קלוגער יונג · דען ער האט דער ביי געשפילט איינע זייער קלוגע ראלע
אונ פלעגט צוא זאגען פאר דיא פארברענטע פרומאקעס · דאס רי
שמעלקע האט אים ארוים געשיקט. נור דיא וועלט פרום צוא מאכען ·
אונ האט זיך אויף געפירט זייער פרום · מיט תעניתים מיט חדשי מיט
נים קוקען אויף נשים (דען אונגעזעהען וואר בייא אים אויך רעכט)
אונ דאס גלייכען מיט נאך אנדערע זאכען וואס דיא צביאצטווא
האנדעלט עס איין אין די זלאדוויסקע רעליגיעזע קרעמליך גאר פאר
איינע קלייניקייט · אונ וואס ווייטער איז אים אלץ בעסער געגאנגען
ביז ער האט שוין גיהאט ביי זיך איין קאפיטאל פון איניגע טויזענדע
טאלער מיט דעם חלק גנבה וואס ער האט גינומען פון די קיסלער וואס
האבין בהלות גישטעלט דעם פיקאנטען · אונ האט אזוי אלץ גישארט
געלט הויפענווייס ביז עס האט אים אויך אן געזאגט די נקמה פון גאט
דען אין איאר ארום נאך דער קניה פון כתב · איז ער גיקומען אין

אשטעטיל נאר אפרישער אנגעזונטער · האט נאך דארטין גיזאגט · האט
(קונה שם) גיוועזן אונ האט זיך געריכט אויף אגרויסע נדבה · האט
ביי דעם פרנס געגעבן וועטשערע אונ האט דארטן גענעכטיגט צום אונגליק
אבער ווי ער האט זיך גילייגט האט ער ניט דער לעבט אויף צו שטיין
דען ער איז גישטארבן איין (מיתה חטופה רחמנא לצלן) · נון האט מען
אים דארט מספיד גיוועזן אונ מקבר גיוועזן (בכבוד גדול) · אונ דר נאך
הט מען גינומן גאר זיין פר מעגן איינגע טויזנד טאלר אונ אלע זיינע
זאכן מיט דם כתב זיינעם אונ מען הט עס אפ גשיקט צום ניקעלסבורגער
רב מיט אבריף דר ביי דאס ער איז אין דם אונ אין דם טאג גישטארבן
אונ אונטער דעם בריף ווארען אונטער געשריבן די דארטיגע (פרנסי
חשים) אונ דער דארטיגער רב · דען זייא האבין גימיינט ווירקליך
דאס דיזר באלדארשר הייסט ר' צדוק פיקאנטע אונ איז פון דר שטאט
ניקעלסבורג · אונ זיינן זיך דר ביי בעגאנגען זייער ערליך אונ (ויבטיג
ויהי) אונ עס וואר אלס דער בריף איז גיקומען צו דעם
ניקעלסבורגער רב · האט ער גילאזט רופען צו זיך דיא ווייב מיט דיא
קינדער · האט זייא פאר געלייענט דעם בריף אונ האט זייא אפ
גיגעבין דעם גאנצין פאר מעגין · דריטהאלבען טויזענד טאלער האט
מען אפ גיגעבין דער פרויא פאר איר כתובה · אונ דיא איבעריגע
האבין צו גינומען דיא קינדער · זייא האבין אפילו צו בישלאך ווייס
געוויינט דאך אבער ווארען די טרערין אזו שיטער דאס איין טראפין
האט ניט דער יאגט דעם אנדערין טראפין · אונ אין אוואך פיר ארום
האט זיך דיא ווייב אויף דעם מארק ארויס גישטעלט · דען זיא וואר
נאך איונגע אונ אשיינע אידענע קוים פינף אונ פערציג יאר אלט ·
אונ וואר נאך גענוג קרעפטיג דאס זיא האט נאך גיקענט איינעם
צווייטען מאן אדרייא פיר שטאציעס אויף דעם לעבענס גאסציגעם
אונטער פירען · צוואר זיא וואר שון ניט אזו שיין ווי פריער דאס



ויא זאל קענען צו באוועזן מיט איר שונההיים יונגע שערליך אין קראס·
אבער דאך פאר אמאן נור אין צמוב וואר זיא נאך גאנץ גענוג ביא
דעם קאלאר · אונ בפרט ווען מען האט נאך דעם גראבען דער ביא ·
אונ האט אין קורצען געפונען אויף זיך טאקע אבאלען · דען עס האט
איר גענומען פאר אווייב אגרויסער גביר וואס עס איז דא ניט לאנג
געשטארבין ביא אים אווייב · אונ האט אן געהייבין צו לעבין ביא
אים העכסט גליקליך דאס זיא האט זיך גאר פאר געסין אן דעם
פאריגען מאן · זוא איז גיווארין דרייא מאל אזו דיק אונ גראב · אונ
האט אן געהייבין צו פירען גאר איבער נייעס אוועלט אויף איין
סך בעסערען אופן ווי פריער · נון לאמיר איר דא לאזין ביא איר
צווייטען מאן אונ מיר וועלין אונז אום קערין צו אונזערין שנאדער :

(8)

שם) דארט אין אסטאינדיען זיינען דיא געצענדינער גרויסע
(בעלי תשובות) · אונ גרויסע (בעלי סיגופים) · לבד זייערע גרויסע
(תעניתים) אונ (טבילות) אין דעם גרויסען אונ הייליגן טייך גאנגעס ·
איז ביי זייא דא אפאקטע צו זיין מתפלל זיין אין דיא ווייטע הייליגע
ערטער · וואס זיינען רחוק פון זייא (כמה מאות פרסאות) · זייא גייען
אהין נור צו פוס · אונ זייער גיין איז אויך מיט גרויסע (עינויים) · זייא
גייען למשל איין פינף טריט · אונ טרעטין אפ צו ריק דרייא · אום
צו האבין מער (שכר הליכה) · אזו אנאנג איז אונזער פיקאנטע אויך
גיגאנגען אהיים · ווען ער איז איין גיגאנגען למשל אוויארטס צעהן
צו דער היים צו · האט ער זיך אום גיקערט אוויארטס אכט צו ליב
אבריות · צו ליב אהתונה וואס מען האט הינטער אים גימאכט · נון
פאר שטייט זיך דאס דיזע רייזע האט גינוג געדויערט ביז ער האט אן
געצויגען קיין ניקעלסבורג · אונ וואלט איר אפשר גאר אום געמיים

ווען ער וואלט ניט דער הערט דאס עס איז אגרויסער ברית ביא
אגרויסען גביר · נון איז ער אריין אין שטאט · האט זיך גאר
פאר קיינעם ניט געוויזען · אונ האט זיך אהעק גישלעפט גליך
אויף· דעם ברית צוא יענעם נגיד אן גיטאן אין זיינע אלטע
קאבצאנסקע קליידר וואס ער האט זייא געברויכט אגאנצע וועג ·
אונ האט געמיינט דאס דורך דעם וועט אים שוין קיינער ניט
דער קענען· אנב האט דיזער גביר געוואוינט אשטיק אונטערען שטאט
איז ער זיך געגאנגען אליין (אקאלא אקאלא) · אונ איז אהין געקומען
לשלום · ריכטיג נאך דער מלה · צום טיש · אונ האט זיך אריין גיזעצט
צוא ווישען אלע ארעמע לייט וואס זוארען דארט מעהר אלס פינף
מנינים · פון אלער האנד קלאסען · אונ האט זיך אזו געשטאפט דאס
קלייען האט זיך געשאטען פון נאזנאך אלע דרייא פיר ביסין איין
נייעם מרונק בראנפין · אונ וואר זייער פריילך אונ לוסטיג :
ויהיו שמה) עס ווארין דארט אויף דיזעם ברית · דיא גרעסטע
לייט פון שטאט · זעלבסט דער רב דער גאון ר׳ שמעלקע האט אויך
דארט ניט געפעלט ·· אונ דער בעל שמחה וואר זייער פריילך דען
עס וואר ביא אים דאס דער ערסטער אינגעל · מען האט גיגעבין
משקה לרוב · אונ גיבעטין דעם עולם דאס מען זאל לוסטיג זיין ·
דער רב האט גיזאגט תורה ביא דעם טיש · אונ דער נאך האט ער
גיבענצט אונ גיזאגט דיא הרחמנם · דען ער וואר אגרויסער זינגער
וואס האט גאר ניט געהאט זיין גלייכען · אונ דאס האט אוועק
גידויערט ביז רעכט נאכט · אונ עס וואר נאך דעם בענצען · אלס עס
וואר שוין רעכט דונקעל · איז ארוים דיא קינפעטארין אליין מיט
אזעקיל זילבער געלט אום צו טיילען צדקה מיט איר אייגענם האנד
אלע ארעמע לייט · אונ האט גיגעבין יעדערין נאך זיין ערך נאך :
· ויהי בפרוש כפיה) אונ עס וואר אלס זיא האט דר לאנגט אנדבה



דעם ר׳ צדוק פיקאנטע · האט דיזער שנארער אראפ גירוקט דיא
היטיל איבער זיינע אויגין · אונ האט גיוואלט אנטליפין · נון האט
מיינט דיא גבירה · דאס זיא האט אים בעליידיגט מיט אקליין נדבה
אונ האט געוואלט באלד דיזען גריין פאר ריכטען מיט אגרעסערע
דבה · ער האט אבער גאר ניט געוואלט געמען · אונ האט זיך
גרוים גיקוועצט הורך דער טיר · נון האט מען אן גיהייבין אים
חושד צו זיין דאס ער האט גימוזט דא עפעס גאנגעוענען שוין · דען
אם פלעגט זיך זייער אפט טרעפין אין יענע ציימין דאס דיזע אונ־
בעטענע געסט פלעגין אפט מיט זיך נעמען דא פאמיאט אזילברנע
עפיל · דאהער האט אים דער משרת אראפ געריסען דיא היטעל ·
אונ דאן האט אים דיא קינפעטארען אויף דער שטעלע דער קענט ·
אס דאס איז איר ערסטער מאן · דען זיא וואר עס פיקאנטעס ווייב ·
אס מיר האבין פון איר פריער דער ציילט · דאס זיא האט גינומען
גביר פאר איין אנדער מאן · אונ ער האט איר שוין פריער דער
אנט · אונ האט גיוואלט דאריבער אנטליפין · נון זיא אבער וואס
א האט געמיינט דאס ער איז געקומען פון יענער וועלט · האט זיא
ך זייער דר שראקען · אונ איז גיבליבין אין חלשות · נון איז גיווארין
גרויסער לארעם דאס איינער האט ממש ניט געוואוסט פון דעם
נדרען ביז דער משרת וואס האט געוואוסט אויף קלאר · דאס דיא
בה איז דער פון נור דיזר שנארר · האט דעם פיקאנטען זייער פעסט
ן גענומען · נון איז געווארין נאך מעהר גערודר · מען האט גיבראכט
אלד אדאקטאר · אונ מען האט די קינפעטארן באלד אפגעמונטערט
נ מען האט זיא אוים געפארשט וואס איז דיא מעשה מיט איר איך
ים ניט האט זי גיענטפערט צו ער איז אטויטער צו ער איז אלעבעדיגר
זער ארעמאן וואס דער משרת האט אים דיא היטעל אראפ געריסן
ד גענוג דאס איך וויים שוין פאר געווים דאס ער איז מיין ערסטער
אן צדוק פיקאנטע אונ דאס אוים ריידענדיק האט זיא אן געהויבין

ווידער צו חאלעשען · נון האט מען זיך גענומען צו דעם שנאָרער ·
אונ אלע האבין אים אויף איין מאל דער קאנט דאס ער איז ווירקליך
דר ר׳ צדוק פיקאנטע ווי ער לעבט אונ לייבט נון ווארין אלע מענשין
פערוואונדערט · דען קיינער האט זיך ניט גיקענט שטויסין אונ קומן
דארויף וויא אזוי איז עס גימאלט · דאס נאך אזעלכע געוויסע בריף
וויא עס וואר צום רב דאס ער איז געשטארבין זאל ער נאך לעבין ·
מעהר פאר אלעמען האט עס נערוירט דעם רב · דאס דורך אים זאל
קומען אזו א תקלה אין דער וועלט · ער האט גילאזט ברייגגען דעם
פיקאנטען צוא זיך וואס האט דאן אוים גיזעהען ווי איין בר מינן אונ
דער פיקאנטע האט אים דער ציילט דאס ער האט פאר קויפט דעם
כתב אונ אזוי ווייטער · נון האט זיך שוין דער רב געשטויסען דאס
עס האט געמוזט דארט אין שטעטיל גאר דער בעל דארשער שטארבין
אונ האט אלזוי פערבראכען דיא הענד אונ האט גישריען מיט גרויסע
בכיות אויף די גבברים (אתם הייתם בעוכרי) איר הט מיך אונגליקליך
געמאכט ! איר האט מיך (מעביר על דעתי) גיוועזן אונ בין דורך דעם
צו דיזער צרה געקומען · צוא ליב מיין ביטעל רחמנות האב איך
געבראכט אממזר אויף דער וועלט · אונ איינע פרוי פר איינע איביגע
עגונה גימאכט · דאס איז דעם בעל דארשערס ווייב · דען וויא וועט
דאך גאר גיט וויסען וואו איר מאן איז אהין געקומען · דער צוא נאך
איז געשעהען איינע גרויסע גזילה · דען דאס געלט פון איינם פרעמדין
איז אן גיקומען צוא דעם פיקאנטעס קינדער פאר אירושה · אוי וויא
זינדיג בין איך עס דאס דורך מיין שוואכע דעה האב איך גורם גיוועזן
צוא בבמה שווערי עונות וואס עס איז מיר גאר שוין אונמעגליך מתקן
צוא זיין · אונ עס וואר אלס דער רב איז דא גישטאנען אונ האט זיך
(מתוודה) גיוועזן אונ געוויינט · האט זיך אפ גערופען איינער פון די שנאָרער
רבי פון דיא לעצטע צווייא עבירות וואס איר רעכענט דאס איר האט
גורם גיוועזן איינע גזילה אונ האט אן גמאכט דעם בעל דארשערס ווייב



זאל בלייבין איינע איביגע עגונה · פון דיא צווייא עבירות וועל איך
איך באלד בעפרייען · זייט וויסען רבי (את חטאי אני מזכיר היום)
איך דר מאן איצונד מיינע זינד גזר אוים רחמנות אויז איך · אונ אייער
כות וועט אפשר שוין צו ליב דעם אזוי גרויס זיין דאס איך זאל ווערן
דורך איך איין (בעל תשובה) זייט וויסען דאס איך וואר איינער פון
ענער באנדע וואס האבין דיזעם אונגליקליכען פיקאנטען בעגאנוועט·
דער בעל דארשער וואס האט ביי דעם פיקאנטען אפ גיקויפט דעם
כתב · ער האט אונז אויף געוויזען אויף אים · אונ האט ביי אונז
גענומען אשליש דער פון · אונ אזוי וואר אין אים גאר דאס בייזמיר
קענען אים גוט ז מיר ווייסען וואו ער איז גישטארבען · אונ ער האט
אפשר פופצען ווייבער · מיר וועלין זייא אייך אלע אוים רעכענען
נון איז זיין געלט אן געקומען צוריק אין זייער רעכטען ארט · קורץ דר
פון רבי דיזער בעל דארשער וואר אונזערער איין מיט שפילער · ער
פלעגט אונז אלע מאל אן ווייזען דיא ערטער וואו מיר זאלען בדלות
שטעלין דען ער פלעגט דאך זיין איינגעלאדען אויף מאל צייטען ביי
דיא גרעסטע גבירים אונ פלעגט דארט צו געבטינן אפט נון פלעגט ער
אוים זעהען וואו עס שטייען דיא קאמאדען מיט דיא געלט אונ מיט
דיא זילבער אונ דורך וועלכע ערטער עס איז אם לייכסטען ארין צו
ברעכען אין די היזער · אונ (על פי רוב) פלעגט ער נאך צו שניפען
אשליסיל פון אנאבענעט · פון אקאמאד״·
אונ וואס טוסט דוא דא ? האט אים דר רב נפרעגט ליבר רבי
האט אים דער שנארער גיענטפערט · וואס זאלט איר מיר הויד זיין
עוים ניט צוא ליב דיא קליינע נדבה וואס איך האב דא בעקומען
אונ פשיטא שוין ניט צוא ליב דיא מצוה צוא זיין ביי איינער מילה ·
ין אונזערע לייט פערשטעלען זיך אימער פאר שנארער אום אוים צו
עהען אלע רייכע היזער · נון איז דעם היגען באלעבאס אגרויסער
ס גישעהען ווען ניט איר זאלטין מיר אים אין אפאר טעג ארום גיווים

בדלות גישטעלט ׃ דען עס וואהען נאך אפאר מיט מיר צו דער מילה אונ נעכטען צוא וואכנאכט ׃ מיר ווייסען שוין פון יעדען פאטשעמניק צו זיינעם גליק אבער אונ פילייכט אויך צוא מיינעם בין איך גירירט גיוואָרין ווייער פון אייער צער ׃

אם כן) ווען אזוי" האט זיך דער רב צוא אים אפ גירופען ווען איר האט שוין אין זיך דעם (הרגש) פון (יראת אלקים) ׃ ווארום האט איר שוין ניט מורא צוא גאנוועגען זאלט איר מיר געוונד זיין ליבער הבי האט אים דר קיסלר גיענטפערט גנבה איז איין מאל אונזר פרנסה אונ פרנסה האט גאר איין אנדר דין דא ניט לאנג האט איד אן גיוואָרין אביטעל מיט געלט ׃ ער האט געקלאגט געוויינט ׃ געבראכען די הענד צום גליק האב איך עס געפונען ׃ נון האב איך ביא אים גיפרעגט סימנים ׃ אונ ער האט גיזאגט אונ איך האב אים אפ געגעבן ביז איין גראשען ׃ אונ דער נאך ארוים גענאנגעט ביי אים ביז איין גראשען אונ האב אזוא מקיים געוועזן דיא מצוה פון (השבת אבדה) וויא דער פרימסטער איד ׃ אונ דער ביא גיהיט מייך פרנסה ׃

סוף דבר) קורץ דר פון איך וויל דא ניט אזוי פיל מאריך זיין אין דיא וויכוחים וואס דיזער רב האט גיהאט מיט דעם פערשטעלטן שנאָרר ׃ דיא גבירה דיא קינפעטארען האט זיך גינגעט מיט דעם גבי׳ האט בעקומען אגרויסע כתובה ׃ האט זיך גינגעט אויך מיט דעם פיקאנטען אונ האט בערלעבט אירע יארען מיט איר ממזריל זייער שטיל אין אפאר שטאדט דאס מען האט זיך גאר אן איר פערגעסין דען זי האט זיך אוים גרויס שאנד אויף דער ווייסער וועלט ניט געוויזען ׃ דעם פיקאנטען האט מען מגרש געוועזן פון שטאט ׃ אונ האט זיך אום גישלעפט (מעיר לעיר) אונ איז געבליבען איין (שכור) ׃ איין שנאָרער (כל זמן) ער האט גילעבט וויא דער רב האט פריהער אים נאך פותר גיווען ׃